ביינוש שטיימאַן

# ביים טויער

## אַ דראַמאַטישער חלום אין דריי בילדער

•

### ערשט בילד

אַ שטאָט-פּלאַץ אין אַ קרוין-שטאָט אין אייראָפּע. אין צענטער אַ גרויסער בנין — אַ תּפיסה. אויפן הינטערגרונט — קלויסטערס. דער גאַנצער פּלאַץ איז פאַרפולט מיט מענטשן, וועלכע גייען און שטייען רעדלעכווייז. צייט — מיטלאַלטער.

איינער פון המון: וואו, זאָגסטו, האָט מען זיי געכאַפּט?

צווייטער: אויפן שול־הויף אין אַ קעלער.

דריטער: בעת זיי האָבן גאָטס וואָרט געלעסטערט.

פערטער: געשוועכט זיין הייליקן נאָמען.

פינפטער: מען האָט זיי געכאַפּט, רייסנדיק די בילדער.

זעקסטער: שטעכנדיק די הייליקע האָסטיע.

ערשטער: וויפל זיינען זיי געווען?

צווייטער: צען.

דריטער: אינגאַנצן צען?

ערשטער: ניין. עס זיינען נאָך מיט זיי געווען, האָט זיך זיי אָבער איינגעגעבן צו אַנטלויפן.

פערטער: און מען האָט זיי ניט געכאַפּט?

צווייטער: הערסט דאָך, חכם מיינער, ווען מען וואָלט זיי געכאַפּט, וואָלטן זיי דאָך ניט געווען אַנטלאָפן.

פערטער: מיך חידושט נאָר, ווי אַזוי מען האָט זיי געפּאַקט? זיי טוען דאָך דאָס תּמיד אַזוי, אַז קיינער ווייסט ניט.

צווייטער: על פּי נס. אונדזער גוטער פירשטין האָט זיך געחלומט...

דריטער: געחלומט, זאָגסטו?

פערטער: וואָס האָט זיך איר געחלומט?

צווייטער: איר האָט זיך געחלומט, אַז זי שפּאַצירט אום אין אַ וואונ־דער־שיינעם גאָרטן, וואו זי קלייבט בלומען און קוויקט זיך מיט פויגל־געזאַנג, און ווי זי האָט זיך פאַרקוקט אַזוי צום הימל, איז ווי פון דער ערד אויסגעוואַקסן אַ ייד, אַ ייד מיט אַ שוואַרצער באָרד, אַרויסגעכאַפּט אַ האַק...

אַ פאַרבייגייענדיקע פרוי: אַ! הייליקע מאַריע!

פון המון: נו, נו, וואָס איז געווען?

צווייטער: זי האָט אַ געשריי געטאָן און אויפגעכאַפּט זיך.

פון המון (אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם): גאָט צו דאַנקען! (צלמט זיך).

צווייטער: מען האָט גלייך אַוועקגעשיקט אין שול און מען האָט זיי געפונען.

פון המון: דאָס איז מן השמים!

פון המון: ניט אַנדערש, ווי מן השמים!

פון המון: נו, איצטער וועלן זיך שוין עפענען ביים פירשט די אויגן. ביז אַהער, זאָל ער מיר מוחל זיין, האָט ער געהאַלטן דעם צד פון די פאַר־פלוכטע.

פון המון: מען זאָגט, ער האָט פון פויפּסט אַ בריוו באַקומען.

פון המון: אַזוי?!

פון המון: אַ! דער פויפּסט, ער וועט זיי גיך אויסראָטן!

פון המון: מען זאָגט, אַז אין קערנער האָט מען געזען בלוטיק טוי אויף די פעלדער.

פון המון: אין אַלטדאָרף האָט מען אויפן הימל געזען אַ פייערדיקן בעזים. דערביי איז אַן אויפשריפט געווען: „ראָט אויס״!

פון המון: אין גאָטס הויז האָבן מנישקעס בייטאָג געהערט אַ שטים, וואָס האָט געקלאָגט: „עס קאָן צוריק דאָס לאַם נישט קומען, ביז פון זיי איז נאָך פאַרבליבן איינער״.

פון המון: יאָ, יאָ, אין די הייליקע ספרים ווערט געשריבן: „דאָס מלכות שמים קאָן ניט קומען, ביז די מגוולים לעסטערן דעם הימל״.

פון המון: איך פרעג נאָר, ביז וואַנען איז דאָס דער שיעור?

פון המון: ביז וואַנען וועלן מיר דאָס ליידן?

פון המון: נו, איצטער וועט מען זיך שוין צו זיי נעמען!

פון המון: מען וועט זיי שוין פאַר אַלץ באַצאָלן!

פון המון: מען וועט זיי שוין באַווייזן, ווי ברונימער צו סמען!

פון המון: ווי קליינע קינדער שעכטן!

אַ פאַרבייגייענדיקער רייכער דינער: דאָס האָט מען נאָר ביי אונדז מיט זיי אַ סך צו טאָן. אין פראַנקרייך, דעם לאַנד, אַזוי ווערט דערציילט,

**האָט מען פיינט זיך מיט זיי אַ סך צו האַלטן: מען צינדט אונטער זייער געטאָ פון אַלע זייטן און אַראָפּ פון מאַרק. (אָפּ).**

(אַ צווייט רעדל).

**איינער פון המון: דורך וואָסער גאַס וועט מען זיי פירן?**

**פון המון: דורך דער רויזן־גאַס.**

**פון המון: יאָ, און אַרויסגייען וועלן זיי אָט פון דעם זאַאוליק.**

**פו המון: פון דעם?**

**פון המון: ניין. פון יענעם, וואָס אויף רעכטס.**

**פון המון: מען פירט זיי דאָך אין טורעם.**

**פון המון: מען וועט זיי לאַנג דאָרט האַלטן?**

**פון המון: עס פעלט נאָך טאַקע אויס. ס'געזען אַ שיינדל!**

**פון המון: נאָך מאָרגן וועט דער טייוול האָבן זייערע נשמות.**

**אַ יינגל** (זיצט אויף אַ טויער, קלאַפּט מיט די פיס, זינגט):

**ייִד פאַרכאַטער**

**נאָז האַרבאַטער,**

**געלע לאַטע,**

**דער שטן איז דיין טאַטע.**

**דער יינגל** (פּלוצעם): **מען פירט זיי! מען פירט זיי!**

**פון המון: וואו, ליגנער, וואו?**

**יינגל: אָן, אָן! איר זעט ניט?**

**פון המון: וואו?**

**פון המון: איך זע ניט.**

**פון המון: איך זע גאָר נישט.**

**פון המון: זע, זע, מען פירט זיי טאַקע!**

**פון המון: איך זע!**

**פון המון: לאָז!**

**פון המון: שטופּט זיך ניט.**

**פון המון: לאָזט, לאָזט!**

**פון המון: שטיי וואו דו שטייסט!**

**פון המון: אַ גאַנצער איפּוויזער! און אַז ניט?**

**פון המון: אַז ניט, וועל איך דיר אַריינפאָרן אַ פּאַטש, אַז דו וועסט אַ צעדמטער ווערן!**

(דער צוג דערנענטערט זיך. דער המון מאַכט אַ וואָרע. עס גייען באַוואַכט פאַרביי די יידן, אַלע זיינען זיי געבויגן, אויסער איינעם אַ יונגן, וועלכער קוקט אַזוי מאָדנע און פרעגנדיק מיט זיינע גרויסע, קינדערשע אויגן).

**אַ פרוי: זיי שעפּטשען עפּעס.**

**צווייטע: וואָס שעפּטשען זיי?**

**דריטע: דאָס כישופן זיי.**

פּערטע: קרויינעלעך, האַרצעלעך, קוקט ניט אויף זיי, מען טאָר אויף זיי נישט קוקן! זייער בליק שיקט אַנעט ווייסטע קרענק, מגפות...

אַן אַלטיטשקע: זעט נאָר, ווי ער קוקט! וואָס האָסטו אויסגעגלאָצט די אויגן? זיי זאָלן דיר אַרויסקריכן, אַ געלזוכט זאָל זיי אויפפּרעסן!! זעט נאָר, ווי ער האָט אויסגעגלאָצט די אויגן!!!

אַ מיידל מיט צעלאָזטע האָר: קוקט אויף אים. ער איז ניט, ווי זיי! ווי אַ לעמעלע קוקט ער!

איינער: דאָס איז אַ יידישקע. איר מאַמע איז געשלאָפן מיטן טייוול.

דאָס מיידל: ער זעט אויס, ווי די הייליקע אין קלויסטער.

איינער: ט׳געהערט? זי לעסטערט גאָט! וואָס שוויגט מען איר? צויג!

אַ צווייטער (דעם מיידל): האַלט ס׳מויל! (ער וויל זי שלאָגן).

אַ פרוי: זעט, טשעפּעט זי נישט. דאָס איז דאָך די משוגענע פון פעלבורג, עס זיצט אין איר אַ דבוק, זי ווייס דען וואָס זי רעדט?

דאָס מיידל: ווי ישו איז ער.

דער צווייטער: אַוועק! משוגענע! (ער שלאָגט זי מיט אַ שטעקן).

די משוגענע (וויינט): אַי! אַי!

די קינדער (פאַריאָגן זי מיט געשרייען): פיו!... פיו!... פיו!...

דער עולם (רייסט די יידן פאַר די פּאָלעס, וואַרפט אין זיי שטיינער): שדים! רוחות, שוואַרצע נשמות! כלבים! שטינקענדיקע הינט! נבלות.

אַלטעטשקע (צוקלאַפּנדיק מיטן שטעקן): כ׳שפּיי אויף אייך! טפו אויף אייך! טפו!...

(מען פירט די יידן אַריין אין תפיסה, דער טויער ווערט פאַרהאַקט און פאַרריגלט).

איינער פון די שומרים: גייט זיך פאַנאַנדער! גייט זיך פאַנאַנדער! ניטאָ היינט מער שוין צו זען, ניטאָ! גייט זיך פאַנאַנדער! איר ט׳מאָרגן קומען, מאָרגן פרי, ווען מען וועט זיי קעפּן.

איינער פון המון: מען ט׳זיי קעפּן? אַבי איך האָב געהערט, אַז מען וועט זיי פאַרברענען.

אַ צווייטער שומר: מען וועט זיי קעפּן און נאָכדעם וועט מען זיי פאַרברענען.

ערשטער שומר: ג—יי—ט זיך פ—אַ—נאַ—אַנ—דער.

(דער פּלאַץ ווערט לער. צום עלטסטן פון די שומרים גייט צו דער עלטער־סטער פון וואַך).

עלטסטער פון וואַך: גוט מאָרגן, ברודער.

ערשטער שומר: גוט מאָרגן.

וואַך: וואָס מאַכסטו עפּעס, ווי גייט עס דיר?

שומר: ניט פרעג בעסער, צום טייוול! ס׳האָט מיר דערעסן.

וואַך: וואָס?

שומר: דאָס זיצן ביים טויער.

וואַך: יאָ, קיין איבעריק פרייליכקייט איז אין דעם ניטאָ.

שומר: דו קאָנסט זיך גאָרניט פאָרשטעלן. אָפט דאַכט זיך מיר, אַז אַפילו אויף יענער וועלט וועל איך אויך מוזן זיין אַ שומר.

וואַך: אַט מכח דעם ענין וויל איך טאַקע שמועסן מיט דיר. דיר שטייט היינט פאָר אַ גרויסע זאַך.

שומר: דהיינו?

וואַך: דאָס היטן די יידן.

שומר: איך? דערצו איז דאָך געווען באַשטימט ווערנער!

וואַך: אמת. האָבן זיך אָבער גוטע פריינד געמיט...

שומר: איך דאַנק דיר זייער.

וואַך: אַ, ניטאָ פאַרוואָס. אַ קלייניקייט אַזאַ. איך וויל דיר נאָר דער־מאָנען, ווי אַחריותדיק עס איז אין דער הייננטיקער נאַכט.

שומר: דאָס ווייס איך גוט.

וואַך: דאָס זיינען דאָך ניט קיין סתם פאַרברעכער. דאָס זיינען דאָך די טויזנט מאָל פאַרפלוכטע יידן.

שומר: כ׳פאַרשטיי.

וואַך: דו האָסט מסתמא דאָך געהערט פון פירשטינס חלום?

שומר: ווי דען. נאָך אַזאַ זאַך ניט הערן! קינד און קייט רעדן דאָך דערפון.

וואַך: פאַרשטייסט? זיי דינען דעם ניט־גוטן. ווער ווייס, וואָס ס׳קאָן געשען, אפשר וועט ער ניט וועלן דערלאָזן און אַליין פרואוון קומען...

שומר: זאָל ער נאָר פרואוון! ער וועט חרטה האָבן, כאַ־כאַ־כאַ!

וואַך: דו דאַרפסט זיין וואַך אַ גאַנצע נאַכט, אַ רגע טאָרסטו נישט דרימלען, אויב, חלילה, וואָס, איז גלייך אַ צלם. פאַר דאָס ציטערן זיי, ווי פאַר פייער.

שומר: כ׳וועל אים שוין געבן ווירדיך שמעקן, ער וועט ביי מיר אַן הערנער בלייבן.

וואַך: ס׳איז אויך נישט איבעריק ישוס נאָמען צו דערמאָנען.

שומר: ער וועט שוין פילן אַ טעם!

וואַך: טאָ געדענק!

שומר: דו מעגסט זיין זיכער.

וואַך: נו, מיט גליק.

שומר: אַ דאַנק.

וואַך: אַ גוטע נאַכט!

שומר: גיי געזונטערהייט!....

## צווייט בילד

דאָס זעלבע אָרט ווי פריער. נאַכט. דער שומר גייט אַרום תפיסה,
קלאַפּט אין זיין קלאַפּער: טראַ-טאַ טראַ-טאַ טאַ...

שומר: זיי וועלן טויטן די גוטע פּירשטין, די וואָס איז אומשולדיקער פאַר טויבן, וואָס האָט קיין פליג קיין מאָל נישט באַרירט!... נאָר וואָס איז דאָ דער חידוש! פון זיי איז אַלץ צו וואַרטן. אַז זיי שעכטן עופּהלעך־קינדער, אַז זיי האָבן ישון געקרייצט. ווען איך זאָל זיין אַ פּירשט, וואָלט איך אַרויסגעגעבן אַ געזעץ, מען זאָל זיי אַלעמען צערייסן אויף פּיץ־פּיצלעך — נאָר ער, נאָר ער... וואָס רעד איך, וואָס? ער האָט געקוקט אַזוי... וואָס איז מיט מיר? ער האָט געקוקט אַזוי, ווי די הייליקע אין קלויסטער... דאָס האָט דאָך געזאָגט די משוגענע פון פעלבורג, און איך בין, דאַכט זיך, נאָך דערוויל קלאָר. ער האָט געקוקט אַזוי... חסר דעה! דאָס איז אַן אָנשיקעניש, ניט אַנדערש. מען זאָגט טאַקע, אַז זייערער אַ בליק שיקט אַן אַזאַ מין משוגעת, פון וועלכער מען קאָן פּטור ווערן, נאָר אָפּבאָדנדיק זיך אין זייער בלוט... ער האָט... טפו!... צו אַלדי שוואַרצע יאָרן!... גיין קלערן וועגן יעדן הונטס אַ בליק. — סאַראַ שיינע נאַכט, און וואַרים, ווי אין תמוז, און ס'שלעפערט עפּעס. אָ! דאָס האָט שוין דער ביט־גוטער מיט אַ כיוון אָפּגעטאָן, מיך איינצושלעפערן. אים אויף צו להכעיס וועל איך די גאַנצע נאַכט אַרומגיין אַרום טויער (גייט אַרום און קלאַפּט טראַ־טאַ, טראַ־טאַ, טראַ־טאַ טאַ). וואָס? כ'מוז עס דווקא אומגיין, אַ גאַנצן טאָג אַלץ אויף די פיס, כ'בין אַזוי מיד, כ'מעג זיך צוזעצן, נישקשה, כ'וועל נישט איינשלאָפן. נישקשה (ער זעצט זיך אויפן באַנק, שפּאַרט זיך צו אַן פּאַרענטעש). כ'וועל נישט איינשלאָפן. נישקשה, אָט איז אַ שטערן געפאַלן... אַ צווייטער... כ'וועל נישט איינשלאָפן. כ־ל... (שלאָפט איין).

(שטיל. דער שטאָט־זייגער שלאָגט צוועלף. די גלעקער אויף די אָרו־מיקע קלויסטערס נעמען קלינגען).

די גלאָקן:

ער וועט נישט אויפשטיין,
ער וועט נישט קומען,
ער איז געשטאָרבן,
געשטאָרבן, געשטאָרבן, געשטאָרבן.
אַ צלם, אַ צלם,
צלמים, צלמים.
אויף די שפּיצן קלויסטערס,
אויף די וועגן, שטעגן,
און אויף די צלמים
הענגט ער אַ געקרייצטער.

און אויף די צלמים
הענגט ער אַ געקרייצטער.
ער וועט נישט אַראָפּגיין,
ער וועט מער נישט קומען,
און וועט מער נישט מאָנען,
און וועט מער נישט שטראָפן!
ווייל ער איז געקרייצט,
ווייל ער איז געקרייצט,
געקרייצט, געקרייצט, געקרייצט.

(אַ ווײַלע איז שטיל, עס דערהערן זיך לייכטע טריט, ס'באַווייזט זיך אַ מענטש אין אַ ווייס־געוואַנט).

מענטש: ביז וואַנען, טאַטע אין הימל, ביז וואַנען?

שומר (פון פלאַץ): ווער בורטשעט דאָס, ווער איז דאָרט?

מענטש (שווייגט).

שומר: איך פרעג, ווער איז דאָרט?

מענטש (שטיל): איך...

שומר: ס'געהערט אַן ענטפער: „איך"! ווער איז דאָס „איך"?

מענטש: דו קענסט מיך.

שומר (נישט דערהערנדיק): וואָס?

מענטש: דו דאַרפסט מיך קענען.

שומר: איך דאַרף דיך קענען? כ'מוז דאָס קענען יעדן לומפּ, וואָס שלעפּט זיך אום אין גאַס ביינאַכט, ווען אַלע פרומע קריסטן שלאָפן, און שטערט די שומרים אין זייער אַרבעט.

מענטש: זיי אַזוי גוט, וואָס איז דאָס פאַר אַ בנין? (ווייזנדיק אויף דער תפיסה).

שומר: מיט שאלות גאָר! הער, דו! טראָג זיך אָפּ פון דאַנען! דו הערסט? און טאַקע באַלד. אַ ניט וועסטו דאָ (ווייזט אויף דער תפיסה) צייט דריי חדשים האָבן אומזיסטע קעסט און דירה!

מענטש: כ'פאַרשטיי נישט.

שומר: וועסט פאַרשטיין, נישקשה, נו, שנעלער! קיין זכר זאָל פון דיר נישט בלייבן. נו!... וואָס איז מיט דיר? טויב, צוגעשמידט צום אָרט? אויב אַזוי וועט קומען דיר צו הילף מיין שטעקן, פּאַקט! (וויל אים שלאָגן).

מענטש: איר דאַרפט אויף מיר נישט שרייען, איך בין אַ וואַנדערער, איך קום פון זייער ווייט, און אומבאַקאַנט איז מיר אייער מדינה.

שומר: אַזוי?!... דאָס איז גאָר אַן אַנדער זאַך. איר ט'גלייך געמעגט דאָס זאָגן.

מענטש: עפּעס ט'מיר זיך נישט געשלאָפן, בין איך אַרויס די שטאָט באַקוקן...

שומר: דאָס איז אַ גלייכע זאַך, אָבער איר דאַרפט וויסן, אַז דאָ איז נישט אינגאַנצן זיכער אַזוי שפּעט.

מענטש: איך האָב נישט קיין מורא.

שומר: דאַך... זיי האָבן, דאַכט זיך, געפרעגט, וואָס דאָס איז פאַר אַ בנין?

מענטש: יאָ.

שומר: דאָס איז אַ תפיסה.

מענטש: אַ תפיסה?

שומר: איר וואונדערט זיך, איר ווייסט נישט, וואָס דאָס איז? איז דען ביי אייך אין לאַנד נישטאָ קיין יידן?

מענטש: איז דאָס געמאַכט פאַר יידן?

שומר: יאָ, פאַר זיי, וואָס זיינען געפערלעכער פון רויבער און גזלנים, פאַר די טויזנט מאָל פאַרפלוכטע יידן.

מענטש: פאַרפלוכטע?

שומר: וואָס דען, זיי זיינען געבענטשטע?

מענטש: פאַרוואָס זיינען זיי פאַרשאָלטן?

שומר: פאַרוואָס זיינען זיי פאַרשאָלטן? ווען איך זאָל וועלן אויסדערציילן אייך אַלץ, וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן, וואָלט מיר קיין צייט נישט קלעקן, כאָטש רעדן זאָל איך ביז בייטאָג. זיי סמען אונדז די ברונימער, שיקן אָן מגפות, קרענק, שעכטן אונדזערע עופהלעך... איז דאָס נאָך ווינציק אַלץ, האָבן זיי אונדזער גאָט, אונדזער ישון געקרייצט...

מענטש: ישון?

שומר: נו, יאָ. איצטער ווייסט איר שוין?

מענטש (גלייכט זיך פלוצלונג אויס): איך בין ישוס אַ שליח! ער ט'מיר געהייסן גיין צו אייך און זאָגן: זיי, זיי האָבן מיך איין מאָל געקרייצט, איר אָבער, איר קרייצט מיך יעדן טאָג און נישט איין מאָל, נישט צווי מאָל, נאָר טויזנט, טויזנט מאָל אַ טאָג, בעת איר שענדט מיינע שוועסטער!

שומר: ס'אַ ליגן! דו ביסט אַ ליגנער! דו לייגסט! ישו וועט דאָס נישט זאָגן! ישו קאָן דאָס נישט זאָגן! דו לייגסט!

מענטש (וואַקסט פלוצלונג אויס): איך בין ישו!

שומר: דו ביסט ישו?!... ישו ביסטו?!... כ־נ־נ־נ! ישו איז ער! ישו איז אין הימל! ער איז טאַקע געווען אַמאָל אויף דער ערד, האָבן זיי, די פאַרשאָלטענע, אים געקרייצט. ער וועט נאָך אַמאָל אַראָפּ צו אונדז, אָבער אין יענער רגע, ווען ער וועט אַראָפּגיין, וועט אַ בליץ די גאַנצע וועלט באַלויכטן, די הימלישע טראָמפּייטן וועלן שאַלן, די כרובים און שרפים וועלן הללויה זינגען (עס גאַשיט).

שומר (ווי פון אַ שטורים פאַלט ער אויף די קני): אַ! זיי מיר מוחל! זיי מיר מוחל! זיי מיר מוחל! כ'האָב געזינדיקט!

ישו (לעגט אַרויף זיין האַנט דעם שומר אויפן אַקסל): **שטיי אויף! נעם אין האַנט דייַנער דעם שליסל, און גיי און עפן אויף דעם טויער.**

שומר (מיט לייכטנדיקע אויגן, געהאַרכזאַם נעמט אַרויס דעם שליסל, פעסט און זיכער גייט ער צו צום טויער, גיט אַ דריי דעם שליסל, פלוצלונג שרייט ער): **אַ! דו ביסט דעם שטנס אַ שליח! אַליין דער טיוול! דו האָסט גענומען זיינע געטלעכע סימנים! דו ביסט געקומען מיין נשמה אומברענגען! דו ביסט דער טיוול! דער טיוול!...** (ער נעמט אַפּטרעטן הינטערווייַלעכטס, צלמט זיך). **הייליקע מאַריע! הייליקער ישו!...**

ישו (לייגט אַרויף זיין האַנט אויפן טויער): **טיר און טויער...** (דער טויער גיט אַ פּראַל. שומר לויפט צו, כאַפּט אַרויס אַ מעסער, רוקט אים אַריין ישון אין זייט, שרייט): **אַ האַ־אַ! טאַ נאַ דיר! טאַ נאַ דיר! טאַ נאַ דיר! נאַ!...** (נעפּל).

## דריט בילד

דער זעלבער אָרט, וואָס פריער. באַגינען, דער שומר שטייט ביים טויער האַלט זיך פעסט פאַר דער קליאַמקע, קעגן אים דער עלטסטער פון וואַך, קריג־לייט.

**עלטסטער פון וואַך: שטיי שוין אויף! וואָס איז מיט דיר! ס׳געזעגן אויף אים? אַ בעלנות! שטיי אויף... אַ האַלבע שעה, ווי איך וועק דיך. און דו, שטייסט אַנגעשפּאַרט אין טויער, האַלטסט די קליאַמקע, נו, שוין, נו!**

שומר: **האַ?**

וואַך: **וואָס איז מיט דיר?**

שומר: **ד—אַ—ס בי—ס—טו!!?**

וואַך: **ווער דען האָסטו געמיינט?**

שומר: **דו—ו!**

דו: **נו, יאָ, נו, געהיט האָסטו, געהיט! גיכער! רייב אַקאַרשט אויס די אויגן, נו!**

שומר: **עס איז שוין שפּעט?**

וואַך: **ניין.**

שומר: **איז וואָס?...**

וואַך: **איז וואָס זייבען מיר געקומען, ווילסטו פרעגן?**

שומר: **יאָ.**

וואַך: **די פירשטין באַוויליקט, אַז מען זאָל זיי פאַרברענען ביים זונען־** אויפגאַנג. נו, גיב אַהער דעם שליסל, עפן אויף דעם טויער! געשיקטער! פיר אַרויס די יידן! גיכער! שנעלער! ס׳איז שוין נישט פרי, עס קלייבט

זיך שוין דער עולם. און די ברעטלעך זייַנען פאַרטיק. דער תליון שאַרפט שוין ס׳העקל. שנעלער! אַך, ווען דאָס זייַן אַ יום־טוב! וואָס דויערט דאָס? קום, איך וועל זיי נאָר איבערגעבן דעם תליון, דאַן גייען מיר אין נאָענטסטן קעלער אָפּנעצן דעם גומען. (מען פירט אַרויס די יידן) נו, קום.

**דער שומר** (טרעפט זיך מיטן בליק פון יונגן בחור): אַ!

**וואַך:** וואָס איז מיט דיר? כ׳פאַרשטיי, איך קאָן אויך ניט קוקן רויִק אויף דעם פרצוף פון אַזאַ מנוול. נו, קום.

**שומר:** איך וועל בישט גיין.

**וואַך:** וואָס הייסט?

**שומר:** כ׳פיל זיך ניט אײַנגאַנצן.

**וואַך:** דו ביסט מיד. פאָלג מיך, אַ גלעזל פריש ביר וועט דאָס אַלץ פאַרניכטן, אַזאַ יום־טוב פאַלט אויס אַזוי זעלטן, אַזאַ פאַראַד. דער פירשט, די פירשטין און דער גאַנצער אַדעליקער הויף, נו!

**שומר** (שוויַגט).

**וואַך:** ס׳וועט דיר פאַרדריסן... מילא, ווי דו ווילסט זיך. כ׳מוז גיין, אַ גוטן טאָג (אָפּ, שרייט פון וועג). ס׳וועט דיר פאַרדריסן. (פון אַלע גאַסן און געסלעך לאָזן זיך אַרויס מענטשן).

**דער עולם:** אַך ווען דאָס זייַן אַ יום־טוב! ווען דאָס זייַן אַ יום־טוב! זייַן מאַיעסטעט דער פירשט, די פירשטין, די ריטער און די דאַמען (נאָכלויפנדיק נאָך די יידן, וואַרפנדיק מיט שטיינער און פייפנדיק). שדים, שוואַרצע נשמות! שטינקענדיקע הינט! נבלות! כלבים!...

**אַלטיטשקע** (קלאַפּט מיטן שטעקן); כ׳שפיי אויף אייך! טפו אויף אייך! טפו!...

פ אָ ר ה אַ נ ג